

געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

# מאמר התחזקות:

**א רייכ... פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**

שנה ד' גליון נ"ד | חג השבועות תש"פ

גליון מוגדל ליו"ט שבועות

### וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ:

# דער יסוד פון עבודת ה'

## שמירת עינים - דער ערשטער טריט זיך צו דערהייבן און שפירן א נאנטקייט צום באשעפער

א'

יום טוב שבועות, שטייט אין אלע ספרי קודש, ווערט אפגעשריבן וויפיל כוחות א איד זאל פארמאגן אין תורה און עבודת ה', וויפיל הארץ אין מח ער זאל האבן צו קענען פארשטיין די תורה און ריכטיג דינעם דעם רבש"ע מיטן גאנצן הארץ און א קלארן דעת - לעבוד את ה' כאשר אם לבבינו.

דאס לעבן פון א איד איז איין קייט פון עבודת ה'. יעדער איד לויט זיין מדריגה פרובירט צו דינען דעם רבש"ע און זוכט צו שטייגן אלס העכער, סיי מיט'ן מקיים זיין די מצוות ה' בשלימות און טון יעדע זאך לויט'ן רצון ה', און סיי זיך צו שטארקן אויף אלע שוועריקייטן און נסיונות החיים מיט וואס מען טרעפט זיך אויף טריט אין שריט.

ספעציעל איז שווער די עבודה ווען ס'קומט צו די מצוות התליות בלב, די מצוות וואס זענען אנגעבינדן אינעם הארץ און דעם מח. צו לעבן מיט דער ריכטיגער אמונה ובטחון; דאווענען מיט כוונה; ארבעטן אויף די מדות; שפירן די זיסקייט פון תורה ומצוות; און האבן אמת'ע הרגשים פון אהבת ה', יראת ה', און דביקות אינעם הייליגן באשעפער. דאס אלעס איז א אנגייענדע עבודה וואס א איד דארף ארבעטן זיין גאנץ לעבן צו גיין אלץ העכער און העכער, און אויף דעם בעטן מיר יעדן טאג ביי אהבה רבה, "**וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ**" - הייליגער באשעפער, דערלייכט אונזערע אויגן אין דיין תורה, באהעפט אונזערע הערצער אין דיינע מצוות, און לייג אריין אין אונזערע הערצער זיי זאלן בלויז דיך ליב האבן און פון דיר מורא האבן.

אבער איידער א איד טרעט צו אנצופילן זיין הארץ מיט אהבה ויראה, צו מקיים זיין די מצוות ה' מיט א שלימות, פאדערט זיך אז דאס הארץ זאל טאקע זיין א פאסיג ארט דאס אלעס אריינצונעמען אין זיך. און דאס איז נאר אויב לעבט מען מיט שמירת עינים, מען היט די אויגן וועלכע זענען די פענסטער פונעם הארץ און פונעם מח. אויב דער מענטש היט זיי ווי ס'דארף צו זיין, האט ער דערנאך די מעגליכקייט צו שטייגן אין עבודת ה'. אבער אויב גיבט מען זיך נישט אכטונג, מ'שטעלט נישט דעם פונדאמענט פון שמירת עינים, קען זיך גארנישט האלטן, ס'איז ווי בויען א בנין אויף א זומפיגן שטח - ס'האט נישט קיין קיום.

---

### לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים:

## די התחלה צו עבודת ה'

אין די ספרים הקדושים געפינען מיר אסאך דעם יסוד, אז קדושה וטהרה, שמירת עינים והמחשבה, זענען די פונדאמענטן פון עבודת ה', דאס איז דער ערשטער טריט וואס א איד דארף מאכן איידער ער וויל עפעס דערגרייכן אין יעדע הינזיכט פון דינען השי"ת און ווערן נענטער צום הייליגן באשעפער. און צוליב דעם ווערן אלע חלקי העבודה פון קדושה וטהרה אנגערופן "מדת היסוד", וויבאלד דאס איז דער יסוד פון עבודת ה' צו קענען זיין אן ערליכער איד.[א]

אזוי שרייבט **הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זצ"ל** אין אמרי נועם (פרשת ויחי ד"ה ראובן בכורי אתה):[ב]

**דער עיקר פון א איד איז צו היילגן זיינע אויגן און זיין מחשבה, ווייל דורכדעם וועט ער ניצול ווערן פון אלעם וואס דער יצר הרע וועלכער לאקערט נאך אים זוכט אים צו פארדרייען, און דאס איז דער אנפאנג און די התחלה אריינצוגיין אין עבודת השי"ת.**

דער **של"ה הקדוש** האט אמאל צוגעזאגט פאר איינעם פון זיינע תלמידים: "אויב וועסטו זיך היטן דיינע אויגן און דיין מויל, וועסטו צוקומען צו אלע הויכע מדריגות און צו טון דעם רצון ה' אויף יעדן טריט בשלימות. ווייל זיי זענען די עיקרים צו דערגרייכן טהרה." (שער הטהרה אות פ, מובא בחקת ישראל עמ' מז)

## למען תספר:

# אפגעהיטן די אויגן מיט א האק

**הרה"ק בעל דברי שמואל פון סלאנים זצ"ל** האט פארציילט, אז אמאל איז א פשוט'ער איד אריינגעקומען צו איינעם פון די צדיקים (יש אומרים אז די מעשה איז געווען ביי **הרה"ק ר' זאב וואלף פון טשארני-אוסטראה זצ"ל**) און ער האט געשמועסט מיט אים פאר א לאנגער צייט.

ס'איז געווען א גרויסער וואונדער ביי די תלמידים וואס דער רבי שמועסט אזוי לאנג מיט דעם פשוט'ן איד. ווען ער איז ארויס, האט דער גבאי געפרעגט פונעם רבי'ן וואס דער איד האט געוואלט און וואס ער האט גערעדט מיט אים אזוי לאנג, האט אים דער רבי געענטפערט, "איך וועל דיר דערציילן וואס דא האט פאסירט":

דער איד איז א פשוט'ער בעל עגלה. איין טאג איז ער געפארן מיט'ן פערד-און-וואגן ארויף אויף א בריק, און פלוצלינג הערט ער פון אונטער'ן בריק ווי איינער שרייט מ'זאל אים קומען ראטעווען. ער האט נישט געטראכט קיין סאך, ער איז אריינגעשפרינגען אינעם אייז-קאלטן וואסער, און דארט האט ער דערזען א אידישע פרוי וועלכע האלט זיך ביים דערטרונקען און שרייט פאר הילף. דער איד האט איר באוויזן ארויסצושלעפן פון וואסער, און ער האט איר אריינגענומען ביי זיך אין וואגן כדי איר אהיימצוטראגן.

המשך אויף זייט 2

## זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י

הרה"ח ר' **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

לע"נ הרה"ק רבי **אלעזר ב"ר אלימלך מריישא** זי"ע
ולע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע

זכות הגדול של זיכוי הרבים לאלפי בני ישראל יהיה לעילוי נשמתם הטהורה, וזכותם יעמוד להנדב, לו ולזרעו, שיתברכו בכל טוב, בני, ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רוויחי וסייעתא דשמיא בכל דרכיו. אמן.

## למען תספר:

**המשך פון זייט 1**

דער בעל עגלה איז געווען גאר א פראסטער מענטש, און פארנדיג אזוי מיט דער פרוי אינעם וואגן, האט ער זיך ארומגעדרייט ווילנדיג קוקן אויף איר. די פרוי איז אבער געווען אן ערליכע, האט זי אים פארגעהאלטן, זאגנדיג, "דו האסט דאך נארוואס געטון אזא געוואלדיגע מצוה און געראטעוועט א נפש אחת מישראל, ווילסטו יעצט מיט דיינע אייגענע הענט דאס קאליע מאכן?"

דער בעל העגלה האט זיך טאקע צוריקגעדרייט, אבער נאך עטליכע מינוט האט זיך ווייטער נישט געקענט איינהאלטן, און זיך צום צווייטן מאל אויסגעדרייט צו קוקן. זי האט אים אבער נאכאמאל אפגעהאלטן, זאגנדיג אז מיט דעם וועט ער פארלירן אין איין מינוט דעם מורא'דיגן שכר פאר'ן איר ראטעווען פון טויט.

דער בעל עגלה האט געזען אז ער פארמאגט נישט די כוחות זיך צו באהערשן, האט ער געזאגט פאר די פרוי אז זי זאל נעמען זיין האק, און אויב וועט זי באמערקן אז ער וויל זיך נאכאמאל אויסדרייען, זאל זי אים געבן א געזונטן זעץ דערמיט, אזוי ארום זאל ער מורא האבן זיך ארומצודרייען. אזוי איז טאקע געווען, זי האט גענומען דעם האק, און דורכדעם האט ער זיך געקענט איינהאלטן ביז מ'איז אנגעקומען צו איר אהיים.

נאך דער פאסירונג, ווי דער איד איז מיט אזא גבורה איבערגעקומען זיין יצר הרע, איז אין אים אריין א געוואלדיגן פחד פונעם אויבערשטן. זיין יראה איז געשטיגן אזוי שטארק, אז יעדעס מאל וואס ער האט זיך געוואשן צום עסן און ער האט אנגעהויבן זאגן "ברוך אתה ה'", האבן אנגעהויבן אלע זיינע אברים צו ציטערן פאר גרויס פחד.

אין אנהויב האט ער געקלערט אז ס'וועט אריבערגיין נאך א שטיק צייט, איז דער רבי ממשיך צו דערציילן, אבער יעצט זעט ער אז דאס הערט זיך נישט אויף, איז ער דעריבער געקומען צו מיר אז איך זאל אוועקנעמען פון אים די מורא'דיגע מדריגה פון יראת ה'.

איך האב אים אבער געזאגט, "נאר וואס דו ביסט! אזויפיל אידן לעכצן צוצוקומען צו יראת שמים, און דו, וואס דו האסט אין איין מינוט זוכה געווען צו אזא מאס יראה, ווילסט עס אויפגעבן מיט דיינע אייגענע הענט?" האב איך אנשטאט דעם געלערנט מיט אים, און אים ארויפגעברענגט צו א מדריגה אז ער זאל קענען לעבן מיט אזא מין יראה."

**בקודש חזיתיך**, בשם הרה"ג ר' חיים אורי פריינד שליט"א, ששמע מאחד ששמע מהרה"ח ר' מתתי' וויינבערג זצ"ל ששמע מדודו בעל ה"דברי שמואל" מסלאנים זצ"ל. הסיפור מובא גם בספר **שבת משוש לבנו** ע' קנה, ו**במאמר מרדכי,** סלאנים, ערך הרה"ק מטשארני-אוסטראה.

### לְמַעַן לֹא נִיגַע לָרִיק:

# אָן שמירת עינים דערגרייכט מען גארנישט

פון דער אנדערער זייט אויב היט מען נישט די אויגן, קען מען נישט מצליח זיין אין קיין שום ענין פון עבודת ה'. און אפילו מ'פרובירט און מ'שטרענגט זיך אן, פאלט מען צוריק; די גאנצע יגיעה און עבודה האט נישט קיין קיום, ס'זעצט זיך נישט אריין ריכטיג אין הארץ. "יסוד" ווערט אנגערופן אין די ספרים הק' התקשרות און התחברות, אז אויב היט מען זיך ריכטיג קען מען זיין מקושר און דבוק צו עבודת ה', אבער אויב מ'היט זיך נישט ווי מ'דארף, בלייבט נישט די עבודה אנגעבינדן ביים מענטש.[ג]

אזוי שרייבט **הגה"ק רבי יונתן אייבשיץ זצ"ל** אין זיין ספר יערות דבש: (ח"א דרוש ח'):[ד] "א מענטש דארף ספעציעל זיין געווארנט פון שלעכטע הרהורים און פון הסתכלות, ווייל די זאכן שעדיגן גאר שטארק פאר יעדער זאך פון עבודת ה', סיי לערנען, סיי דאוונען, אדער סיי וואס ס'זאל נאר זיין".

**הרה"ק הרש"ב מליובאוויטש זצ"ל** שרייבט מיט גאר שארפע ווערטער (קונטרס העבודה פרק ב'):[ה]

**יעדער וואס האט רחמנות אויף זיין נפש, דארף זען איינצוצוימען זיין חוש הראיה. און אפילו ס'איז אים שווער, זאל ער זיך שטארקן מיט'ן גאנצן כח. ער זאל וויסן אז דאס איז ממש בנפשו, ווייל א איד וואס גיבט נישט אכט אויף זיינע אויגן, איז זיין גאנצע עבודה גארנישט ווערד און ער וועט אין ערגעץ נישט אנקומען מיט זיין גאנצער יגיעה און עבודה; אדרבה, ער וועט נאר פאלן נידריגער און נידריגער ר"ל.**

ענליך צו דעם האט אמאל געזאגט **מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע** (יתרו תשט"ז):[ו]

**דורך דעם חטא פאסירט אז דער מענטש איז נישט אין זיינע הענט, סיי ביי תורה, סיי ביי תפילה, און אזוי אויך ביי יעדע עבודה. דער מענטש קען נישט שולט זיין אויף זיך. און אפילו ער איז משתוקק צו דערגרייכן אביסל התעוררות, האט ער נישט קיין כח זיך צו נעמען דערצו א דאנק דעם וואס ער האט זיך נישט געהיטן בקדושה. דער יסוד פון די גאנצע תורה איז קדושה, ס'איז נישט מעגליך צו משיג זיין השגת התורה אויב מ'האט פוגם געווען אין עניני קדושה.**

### אַנָא יָדַע דְּאַתְּ לִי:

# אויב דו ביסט הייליג, ביסטו מיינס

מיר געפינען אין ירושלמי (ברכות פ"א ה"א) מורא'דיגע ווערטער אויפ'ן פסוק (משלי כג, כו) **תְּנָה בְנִי לִבְּךָ לִי וְעֵינֶיךָ דְּרָכַי תִּצֹּרְנָה**". רבי לוי זאגט פשט, "**אמר הקדוש ברוך הוא, אי יהבת לי לבך ועיניך אנא ידע דאת לי**" - דער רבש"ע זאגט פאר א איד, אויב גיבסטו מיר דיין הארץ און דיינע אויגן, דאן ווייס איך אז דו ביסט מיינס.

דער **רבינו בחיי** (ריש פרשת כי תצא) איז מבאר די ווערטער פונעם ירושלמי:[ז]

**חז"ל זאגן אז דער אויבערשטער זאגט פאר א איד, "אויב גיבסטו מיר דיין הארץ און דיינע אויגן, וויים איך אז דו ביסט מיינס; אויב נישט, ביסטו נישט מיינס." דער פשט דערפון איז, ווייל דאס הארץ און די אויגן זענען א גרויסן שורש צו דערנענטערן אדער דערווייטערן א מענטש פונעם**

### מקורות והוספות

*) הרבה מקורות וסיפורים למאמר זה לקחנו מתוך ספר הנפלא **קדושת עינים**, מאת הגה"צ ר' אהרן טויסיג שליט"א; ספר **מלחמת קודש**, יצא לאור ע"י מכון "אסיפות זקנים"; ספר **בקודש חזיתיך**; וספר **והתקדשתם**. בין דפי ספרים האלה מצאנו ליקוטים נפלאים מלאים זיו ומפיקים נוגה, ומהם שאבנו להשקות צמאים, וזכות הרבים תלוי בהם.

**א]** בספה"ק חסד לאברהם (ראדאמסק, תצוה ד"ה מעשה) כתב: "עיקר מלחמת היצר הרע היא ביסוד. ולכן נקרא יסוד, כי הוא יסוד לעבודת השם יתברך, כמבואר בזוהר הקדוש (מקץ קצז.), 'מאן דנטיר ברית נטיר אורייתא כולא'". ובקדושת יום טוב (בא עה"פ וישב את משה) כתב: "כל מי שרוצה לילך בחדרות ה' פנימה ולעבוד עבודתו הטהורה צריך קודם לתקן פגם היסוד". והדבר נשנה ומבואר בהרבה ספרים הקדושים.

וראה בדברי יואל (ויחי עמ' תקכב ד"ה ועל כן): "כל זמן שהאדם מלוכלך רח"ל בפגם חטא זה, אי אפשר להתקרב לקדושתו יתברך, כי רושם החטא עושה מסך המבדיל בין ישראל לאביהם שבשמים. ועל כן נקראת מדת היסוד, כי זהו יסוד קדושתן וטהרתן של ישראל ויסוד קיום כל התורה ומצוותיה, כמו שכתב בספר הקדוש נועם אלימלך (פ' וישב) וכו', שכל העבודה בתורה ומצוות ומסירת נפש, הכל תלוי בזו המדה, וחלילה אם יפגום בזה רח"ל, נעשה קלקול בכולם רח"ל".

**ב]** אמרי נועם: "עיקר לקדש עצמו הראיה ומחשבה שבלב, ומזה יוכל להנצל מכל פתויי היצר האורב עליו, והוא הראשית וההתחלה לכנוס בעבודת השי"ת".

**ג]** כן מבואר בהרבה ספה"ק. וראה בקדושת לוי (אמור ד"ה או יבואר וספרתם לכם) שמונה והולך מהו העבודה בכל השבועות של ימי הספירה שהם כנגד ז' המדות, וכנגד מדת היסוד כתב: "ובשבוע השישית שנהיה אנחנו בדוקים ומקושרים בעבודתו".

**ד]** יערות דבש: "ביחוד יש לנו להשמר מהרהור והסתכלות, כי הוא מזיק לאדם עד למאד בכל דבר חפץ מחפצי שמים, הן לימוד, הן תפילה, והן בכל דבר. ולכן נא הסירו רוע מעלליכם מנגד עיניכם, מנעו עצמכם מתועבה זו".

אויבערשטן, וויבאלד זיי זענען די מעקלערס וואס פירן צו עבירות, ווי ס'שטייט דארט אין ירושלמי. אויב לאזט מען זיך נאכגעשלעפט ווערן נאך די תאוות, וועט דאס פארווארפן דעם מענטש פון דער וועלט און פון יענער וועלט.

אין דער תורה זעען מיר אן א שיעור מאל וואו דער אויבערשטער זאגט אונז אָן מיר זאלן זיין אפגעהיטן און הייליג - **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי**. שרייבט דער **ראשית חכמה** (שער הקדושה ריש פרק שמיני) אז די סיבה דערצו איז, וויבאלד די נשמה פון א איד איז צוגעבינדן צום אויבערשטן און דער גאנצער תפקיד אויף דער וועלט איז צו בלייבן באהאפטן און נאנט צו אים. **דערפאר דארף א איד זיין הייליג און אפגעהיטן, ווייל כביכול דער רבש"ע איז הייליג, און דער וואס וויל האבן שייכות מיט אים, דארף אויך זיין הייליג, ווייל נאר אזוי קענען מיר געהערן צו אים.**

און ער ברענגט א משל פון **מדרש תנחומא** (ריש פ' קדושים), אז ס'איז גלייך צו א קעניג וואס האט חתונה מיט א פרוי, און ער זאגט איר, "ביז יעצט ביסטו געווען א פשוט'ע פרוי. אבער פון יעצט און ווייטער ביסטו מיין קעניגן; וואס ס'איז מיין כבוד איז אויך דיין כבוד!" דאס זעלבע זאגט דער רבש"ע צו אידישע קינדער: "עטץ זענטס מיין פאלק, עטץ זענט א ממלכת כהנים וגוי קדוש, דעריבער דארף עטץ זיין הייליג, פונקט ווי איך בין הייליג!"

נאך א משל דערויף ברענגט ער פון **מדרש רבה** (ויקרא כד, ז), אז אמאל האט עמיצער געטראפן דעם כהן גדול גיין אויפ'ן וועג, און ער האט אים געפרעגט צי ער קען מיט אים מיטגיין. האט אים דער כהן גדול געענטפערט: "איך בין א כהן, איך גיי נישט אין בית הקברות. אויב ווילסטו דארט אריינגיין, דאן קענען מיר נישט גיין אינאיינעם, ווייל איך גיי נישט אויף אזעלכע פלעצער."

אזוי זאגט אויך דער אויבערשטער פאר א איד: "איך בין הייליג, איך געפין מיך נישט אויף אומאיידעלע ערטער. אויב פירסטו דיך בקדושה, דאן קען איך גיין מיט דיר אינאיינעם, אבער אויב נישט, קען איך נישט גיין מיט דיר, ווייל איך גיי נישט אין אזעלכע מקומות!"

**חכמינו ז"ל** דריקן זיך אויס אויף עטליכע פלעצער (סנהדרין קו. ועוד) אז דער רבש"ע איז א "שונא זימה", ער האט פיינט אומאיידלקייט. פון דער אנדערער זייט האט דער אויבערשטער ליב קדושה, ער קוקט ארויס און פריידט זיך ווען א איד פירט זיך ערליך. דערפאר אויב א איד איז אפגעהיטן, קען ער זיין דבוק אינעם רבש"ע, אבער אויב פירט ער זיך נישט בקדושה, דאן ווערט ער דערווייטערט פון אים, ווייל דאס גייט נישט אינאיינעם.

וַאֲנִי קִרְבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב:

## שפירן א חיות אין עבודת ה'

ווען א איד לעבט מיט שמירת עינים, שפירט ער א חיות און א טעם אין עבודת ה', זיין הארץ איז וואך צו פילן א געשמאק אין א מצוה און איז פול מיט חשק און ברען פאר'ן הייליגן באשעפער. אבער אויב היט מען זיך נישט די אויגן, פארלירט מען דעם נאטירליכן הרגש פון א איד צו א דבר מצוה, מ'ווערט ליידער אפגעקילט פון יעדן ביסל ווארעמקייט; דאס הארץ ווערט אויסגעלאשן, דער מח פארשטאפט. מ'שפירט נישט דעם "קירבת אלקים לי טוב", די זיסקייט פון זיין א איד.

אזוי שרייבט דער **בית יוסף** בשם דעם הייליגן **רבינו יונה** (אבה"ע סי' כ"א): **"כל המסתכל**

### מקורות והוספות

**ה]** הרש"ב מליובאוויטש: "וכל מי שחש לנפשו שלא להביאה לידי טומאה רחמנא ליצלן, יגדיר את עצמו בחוש הראיה. ואם הדבר קשה לו, יתגבר על עצמו בכל תוקף ועוז, וידע אשר ממש בנפשו הוא. ואם לא יגדיר עצמו בזה, כל עבודתו כאין וכאפס נחשב ולא יפעל דבר ביגיעתו ועבודתו, ואדרבה, ירד רחמנא ליצלן מטה מטה".

**ו]** ואמר עוד בלשון קדשו (בא תשט"ז): "די מדה הייסט 'מדת יסוד', דאס איז א פונדאמענט. אז מ'שטעלט אויף א הויז און מ'מאכט א גוטן פונדאמענט, שטייט דאס הויז גוט. טאמער חלילה מ'שטעלט א שלעכטן פונדאמענט, שטייט עס שוואך, קען עס נישט לאנג האבן קיין קיום, ס'האלט נישט אויס. אזוי אז א איד דינט דעם באשעפער, אז מ'האט נישט פוגם געווען אין דער מדה אדער אז מ'איז מתקן וואס מ'האט פוגם געווען, האט מען א פונדאמענט צו דער עבודה. אז ס'איז דא א פונדאמענט, דערהאלט מען זיך, האלט עס אויס. אבער חלילה אז מ'איז פארשמירט אין דעם פגם, **אפילו מ'האט אמאל א צובראכן הארץ פארן באשעפער, מ'דינט דעם בורא כל עולמים, מ'כאפט זיך אמאל ארויף, אין לך אדם שאין לו שעה, מ'כאפט זיך אמאל צו, אז מ'האט א גוטע מינוט, א שטיקל השפעה, אבער בעוה"ר ס'האלט נישט אויס. דאס אלעס איז גורם אז מ'האט זיך נישט געהיטן, אזוי ווי עס איז שכיח אז מ'פאלט צוריק**".

**ז]** רבינו בחיי: "אמרו במדרש (ירושלמי שם), 'תנה בני לבך לי, אי את יהיב לי לבך ועיניך, ידע אנא דאת דילי, ואי לא, לית את דילי'. ביאור זה, כי הלב והעינים הם שורש גדול לקרבה אל אלקים או להתרחק ממנו, כי הן סרסורי העבירות, וכן דרשו (ירושלמי שם), ליבא ועינא תרין סרסורא דחטאה נינהו, שנאמר (במדבר טו, לט) ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם. לפי שהתאוות יטרידו האדם מן העולם הזה ומן העולם הבא, ואין ראוי להמשך אחריהם".

## למען תספר:

### ווי אזוי מ'הייבט אן תשובה צו טון

איינס פון די געהויבענע געשטאלטן אינעם סלאנימער שטיבל אין טבריה איז געווען **הרה"ח ר' מענדל וועג ז"ל**. ר' מענדל איז געווען אן איש חסיד און עובד ה' אויפ'ן פארצייטישן שטייגער פון די סלאנימע חסידים, און באזונדער האט ארויסגעשטארצט זיין געוואלדיגער קאך און זהירות אין שמירת עינים.

עס ווערט דערציילט אויף אים, אז ער האט אמאל באשטעלט א טעקסי צו פארן צו א פרייער געגנט אין טבריה. אבער פאר ר' מענדל קומט נישט אזוי לייכט אָן דאס אהין פארן; צום ערשט דארף ער מאכן די ריכטיגע 'הכנה' אויף די נסיונות אין שמירת עינים וועלכע ערווארטן אים דארט אין די פרייע גאסן.

ר' מענדל האט אנגעהויבן חזר'ן צו זיך א טייטש פונעם "פאטער" - ווי דער **דברי שמואל פון סלאנים זצ"ל** איז גערופן געווארן ביי די סלאנימער חסידים - בשם דעם **הייליגן בעל שם טוב**: "בשובי את שבותיכם", ווען א איד וויל תשובה טון, "לעיניכם אמר ה'", זאגט דער באשעפער אז די ערשטע זאך ער זאל אכט געבן אויף די אויגן.

זייענדיג אזוי פארטיפט אין דעם הייליגן טייטש, האט ר' מענדל נישט באמערקט ווי דער טעקסי איז שוין דא אוןווארט אויף אים אינדרויסן. זעענדיג אז ר' מענדל קומט נישט אראפ, איז דער דרייווער ארויף צו אים אין שטוב קוקן פארוואס ער קומט נישט.

אריינקומענדיג האט ער געטראפן ר' מענדלען שפאצירן ארויף און אראפ, ווען ער רעדט צו זיך מיט א ספעציעלער תנועה'לע איינמאל און נאכאמאל: "דער פאטער האט געזאגט, אז דער בעל שם האט געזאגט, 'בשובי את שבותיכם - לעיניכם אמר ה'"..."

מפי **הרה"ג ר' דוד פערל שליט"א**, ששמע מפי **הגה"צ ר' חיים אורי פריינד ז"ל**, חבר הבד"ץ עדה החרדית

### דער איינציגער וועג צו מצליח זיין

ס'האט פארציילט א חשוב'ער ראש ישיבה, אז ער איז מיט יארן צוריק אריין צו **הרה"ק רבי מאיר אבוחצירא זצ"ל**, און אים געפרעגט וואס איז די בעסטע עצה פאר א בן תורה היינטיגע צייטן מצליח צו זיין און שטייגן בתורה ויראת שמים.

האט אים רבי מאיר אבוחצירא געענטפערט אויפ'ן פלאץ, **"דער בעסטער און דער איינציגער וועג איז דורך קדושת עינים!"**

**מעשה חושב** פרשת קדושים ד"ה והנה, מובא בספר **והתקדשתם** ע' תרנג, ומביא שהשואל היה הג"ר יהודה עדס שליט"א, ר"י קול יעקב

**באשת איש מכשיל ומכחיש כח יצרו הטוב**" - א מענטש וואס קוקט אויף פרעמדע פרויען שוואכט מיט דעם אפ דעם כח פון זיין יצר טוב. ס'ווערט אפגעקילט ביי אים דער אינערליכער רצון צו גיין אויפ'ן גוטן וועג און טון דעם רצון ה'.

און אזוי זאגט אויך דער **ספר הרוקח** (הל' חסידות שורש נקיות):[ח] "ווען א מענטש טראכט אומריינע מחשבות, נעמט ער מיט דעם אוועק זיין חשק פונעם אויבערשטן".

יעדער איד וויל האבן דעם כח פונעם יצר טוב וואס זאל אים ערוועקן א חשק און רצון צו דינען דעם באשעפער, ווי מיר בעטן ביי די זמירות שבת, "**ותן בנו יצר טוב לעבדך באמת וביראה ובאהבה ובשמחה**". אבער אויב היט מען נישט די אויגן, מאכט מען אליין שוואך דעם כח פונעם יצר טוב, די הייליגע געפילן אויף עבודת ה' ווערן אויסגעלאשן.

**הגאון רבי אליהו לופיאן זצ"ל** האט מיט דעם געטייטשט דעם פסוק (תהלים קיט, לז) "**הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ חַיֵּנִי**": רבש"ע, היט מיינע אויגן איך זאל נישט קוקן מיט זיי קיין שלעכטס, און דורכדעם וועל איך באקומען א חיות אין דיינע דרכים, איך וועל לעבן אין עבודת ה'! (לב אליהו ח"א בשבבי לב אות קסא).

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה':

## שפירן די זיסקייט פון דער נשמה

די ספרים הקדושים זענען דאס מער מסביר, אז יעדער איד ווערט באשאפן מיט א הייליגער נשמה, א חלק אלוק ממעל, און נאטירליך ציט די נשמה צו איר שורש, צום פלאץ פון וואו זי קומט, זי גלוסט צו זיין נאנט און באהאפטן צום הייליגן באשעפער. נאר די סיבה פארוואס דער מענטש שפירט דאס נישט אלעמאל איז צוליב זיינע חטאים, וויבאלד די נשמה ווערט פארשמירט מיט אומריינע זאכן, דאס פארדעקט איר אמת'ן רצון פון ארויסקומען אינדרויסן.

אבער אין דער מינוט וואס א איד שאקלט זיך אפ פון אלע שמוץ, ער קריכט ארויס פון די הבלים, פאנגט ער אן שפירן זיין נשמה. ער הייבט אן גלוסטן צום אויבערשטן, די תורה און מצוות וואס ער טוט באקומען אן אנדערן באדייט, ער שפירט ווי דאס איז זיין חיות און ער לעבט אין דעם!

ווי דער **אור החיים הק'** ברענגט דאס ארויס מיט א מורא'דיג לשון (דבים כ"א י"א): "**הנפש יפה עד מאד, אלא שמתנוולת במעשיה הרעים. וכשינוצח היצר, אז ישכיל האדם בנפשו מה יפה ומה נעימה היא**" - די נשמה פון א מענטש איז גאר שיין און לויטער, נאר זי ווערט פאר'מיאוס'ט דורכדעם וואס דער מענטש טוט שלעכטע מעשים. אבער ווען מען שטארקט זיך אויפ'ן יצר הרע, הייבט ער אן צו פארשטיין און צו שפירן ווי שיין און זיס די נשמה איז!

אזוי שרייבט אויך דער **אלשיך הק'** (דברים כ"א טו-יז):[ט]

ווילאנג דו ביסט נאך פארשמירט מיט חטאים, זענען דיינע עיני השכל פארדעקט, און דאס האלט זיי אפ פון איינזען די שיינקייט פון דער נשמה. אבער ווען דו וועסט דיך צוריקקערן צום אויבערשטן און בייקומען דיין יצר הרע, וועלן זיך דיינע אויגן עפענען, דו וועסט זען און אנערקענען ווי הייליג און שיין דיין נשמה איז.

המשך המאמר בגליון הבא אי"ה

# פְּתַח לָהֶם נוֹעַם וְרָצוֹן

דער הייליגער **בית אברהם** פון סלאנים זצ"ל שרייבט:

**"דורכ'ן זיך היטן די אויגן, איז מען זוכה צו א חיות דקדושה, צו שפירן א התלהבות ביים לערנען און ביים דאווענען, און אז די אויגן זאלן לייכטן אין דער תורה הקדושה"**

**בית אברהם** פ' תזריע ד"ה וראו [י]

למען תספר:

## הדרכה פאר אן אכצן יעריגער בחור

הרב החסיד ר' זלמן אשכנזי ז"ל פלעגט דערציילן, אז זייענדיג א בחור פון אכצן יאר האט ער געטראכט וואס ס'קען זיין א פאסיגע צייט צו ארבעטן און שטייגן אין דעם, היות דער הייליגער רבי ר' אלימלך שרייבט אין צעטיל קטן אז מ'זאל ארבעטן אויף די מדות ביי די אכצן יאר, ווייל אין דער צייט קען מען זיך מרגיל זיין אויפ'ן ריכטיגן וועג. איז ער אריין צו **מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע** פארלייגן זיין שאלה, און געבעטן דער רבי זאל אים געבן דברי הדרכה בעניני תיקון המדות.

צום ערשט האט אים דער רבי געענטפערט, "ס'שטייט דאך שוין דארט אין צעטיל קטן אויסגעשמועסט וואס מ'דארף מתקן זיין." אבער ווען ער האט נישט נאכגעלאזט און ווייטער געבעטן אז ער וויל אויך הערן פונעם רבי'ן הדרכה, האט אים דער רבי געזאגט מיט קורצע ווערטער: **"מ'דארף האבן אפגעהיטענע אויגן, אן אפגעהיטן מויל, און לערנען!"**

מפי **הרה"ח ר' חיים יאקאב הי"ו** ששמע מפיו כמה פעמים

## ווי קען מען בעטן אויף תורה און דביקות ה'?

הגאון הצדיק **רבי אליהו לאפיאן זצ"ל**, משגיח בישיבת קאמעניץ, האט אמאל געגעבן א שמועס פאר בחורים איבער נישט גיין צו פריצות'דיגע פלעצער.

האט ער געזאגט צווישן אנדערן, אז נאכדעם וואס מ'קומט צוריק פון אזעלכע ערטער, שטעלט מען זיך דאווענען, און מ'בעט **"והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצוותיך"**. ווי איז דאס מעגליך צו בעטן ביים אויבערשטן ער זאל אויפלייכטן די אויגן מ'זאל זוכה זיין צום אור התורה ווען מ'האט זיי אליין פארטונקלט מיט'ן קוקן וואו מ'דארף נישט? ווי איז שייך צו בעטן אז דאס הארץ זאל זיין דבוק אין די מצוות ווען מ'האט אליין אויסגעריסן דאס דביקות פונעם הארץ?

**לב אליהו** ח"ג פרשת ראה, עמוד רעד

מקורות והוספות

**ח]** זה לשונו: "כשהאדם מהרהר אחר החטא ששולט בו יצר הרע, הוא בוער כאש ומסיר ממנו חשק בוראו, ואין בלבו טוהר, כי אם יצר מחשבות לבו רע מנעוריו רק רע כל היום".

**ט]** אלשיך הק': "בעודך מלכלך בחטאים יש אוטם בראית שכלך, מונעך מהכיר ערך יפי נפשך אשר טמאת, אך בשובך אל ה' ותכבוש יצרך, אז יפקחו עיניך, תראה ותכיר ערך קדושת נפשך כי יפת תואר היא, ואז וחשקת בה, מה שלא הכרת מקודם".

**י]** בית אברהם: "על ידי זה ששומר את עיניו מלהסתכל באיסור, זוכה לחיות דקדושה והתלהבות בתורה ותפילה ולהאיר עינינו בתורתך".

### למען תספר:

# א הימלישע הארה אין זכות פון שמירת עינים והמחשבה

דער פאלגנדער סיפור איז געווארן איבערגעגעבן ערשטהאנטיג דורכ'ן בעל המעשה, א חשוב'ער תלמיד חכם און מרביץ תורה. די מעשה ווייזט אונז דעם גרויסן כח פון היטן די אויגן און די מחשבה, און ווי ווייט דאס איז משפיע אויפ'ן מענטש אים צו דערהייבן העכער אין תורה און יראת שמים. אט איז וואס ער פארציילט:

איך בין אויפגעוואקסן אין א היימישער סביבה אין אן ערליכער, אפגעהיטענער געגנט, אזוי אז ס'איז מיר זעלטן אויסגעקומען צו זען די היינטיגע, נידריגע גאס, און איך בין כמעט נישט געווען אויסגעשטעלט צו קיין נסיונות אין שמירת עינים. איך דאנק באזונדער דעם אויבערשטן אויף דעם, היות איך בין בטבע א שטארק סענסיטיווער מענטש און ווען איך זע עפעס וואס טויג נישט שטערט עס מיר גאר שטארק.

מיט אסאך יארן צוריק האט זיך מיין זיידע נישט גוט געשפירט און ער איז געווען אין שפיטאל פאר באהאנדלונגען. די משפחה האט זיך איינגעטיילט צווישן זיך ווען צו זיין מיט'ן זיידן אין שפיטאל, און אין א געוויסן טאג, אין א דאנערשטאג, איז געקומען די רייע אויף מיר אהינצופארן.

טראצדעם וואס געוועגליך פרוביר איך אויסצומיידן ווי ווייט מעגליך דאס גיין אין עפנטליכע ערטער וואו ס'זענען דא נסיונות אין שמירת עינים, האב איך אבער געוואוסט אז דא איז אן אויסנאם, איך מוז טון מיין חלק צו זיין מיט'ן זיידן. אבער ביי מיר אינעווייניג בין איך נישט געווען רואיג, איך האב מורא געהאט וואס ס'קען מיר אלץ אונטערקומען. איך האב מיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג מיט א שטילער תפילה אז איך זאל נישט דארפן זען וואס ס'טויג נישט און געהאפט אויפ'ן בעסטן.

נאך זייענדיג אונטן אינעם לאבי פון שפיטאל האט פאסירט דאס וואס איך האב אזוי מורא געהאט - איך האב אומווילנדיג געזען אן אומאיידל בילד וועלכע האט מיך שרעקליך צושטורעמט. איך בין שנעל ארויף צום שטאק וואו מיין זיידע האט זיך געפונען, נישט קענענדיג זיך אפשאקלען פון דעם וואס איך האב געזען.

אויך נאכדעם וואס איך בין אריין אין מיין זיידנ'ס צימער איז מיר דאס בילד כסדר נאכגעלאפן; איך האב נישט געקענט מסיח דעת זיין דערפון. איך האב מחליט געווען אז איך וועל טון די עצה וואס שטייט אין די ספרים הק', זיך מתעמק צו זיין אין דער תורה הקדושה, וואס דאס איז די בעסטע סגולה פטור צו ווערן פון אלע שלעכטע מחשבות, ווי דער הייליגער רמב"ם שרייבט.

איך האב ארויסגענומען א גמרא מסכת שבועות, פרובירנדיג זיך צו פארטיפן אין די הייליגע ווערטער פון דער גמרא און תוספות. כאטש די מעשה איז שוין געווען יארן צוריק, ליגט עס מיר נאך גאר שטארק אין די ביינער, אזוי ווייט אז איך געדענק נאך וועלכן דף איך האב דעמאלטס געלערנט!

איך מאך נישט קיין גוזמא, **צען שעה אין א צי** (!) האב איך פרובירט צו פארגעסן פון אלעם און זיך אריינטון אין דער גמרא. צען שעה וואס איך האב ממש געשפירט א טעם מוות און פארלייגט אלע כוחות צו אנטלויפן פון דער מראה אסורה וועלכע האט מיך נישט אפגעלאזט. איך האב באמת נישט געוואוסט וואס צו טון, איך בין געווען אובד עצות. ענדליך, נאכ'ן זיך מוטשענען מיט דעם אזויפיל שעות, האב איך געשפירט ביי מיר בארואיגט.

דאס איז געווען דאנערשטאג. יענעם שבת האב איך מיך גערעצט לערנען חומש-רש"י, און פלוצלינג האב איך אנגעהויבן שפירן ווי ס'עפנט זיך מיר מיין מח אויף אן אומגעווענליכן פארנעם. ס'איז געווען אזא סארט הארה און התגלות וואס איך ווייס נישט ווי אזוי צו ערקלערן. איך האב דעמאלטס מחדש געווען דרייסיג חידושים אויף חומש-רש"י מיט אסאך אינטערעסאנטע רעיונות - א זאך וואס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט פארדעם.

ס'האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט ביי דעם. פון יענעם שבת און ווייטער האט זיך מיר געעפנט א נייער קוואל פון חכמת התורה, וועלכער קוועלט און שפרודלט כסדר מיט שיינע געדאנקען און טיפזיניגע רעיונות. נישט נאר אין חומש-רש"י, נאר אויך אין פארשידענע אנדערע חלקי התורה. איך האב שוין מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף אפגעשריבן ביז היינט ארום זעכציג בלעטער פון חידושי תורה וואס איך האב ליגן ביי מיר, ס'האט זיך אלעס אנגעהויבן יענעם שבת!

איך האב געשפירט ווי דער רבש"ע האט מיר געגעבן טועם צו זיין פונעם כח הקדושה וואס איך האב קונה געווען מיט אזויפיל יגיעה בלויז צוויי טעג פארדעם. אזוי ווי דער הייליגער **דברי יחזקאל** זאגט אויף די ווערטער פון רש"י **"כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה"**, אז אסאך מאל טוט א מענטש א מצוה, און ער זעט נישט גלייך די קדושה וואס איז געשאפן געווארן דורך דער מצוה. אבער ווען ס'קומט צו א גדר ערוה, ווען א איד האט א נסיון אין די ענינים און ער זיך מתגבר דערויף, זעט ער גלייך די קדושה דערפון, ער איז זוכה צו שפירן ווי ס'ברענגט אים ארויף א העכערע מדריגה.

איך וויל מיטטיילן מיין מעשה מיט אנדערע למען זיכוי הרבים. ס'קומט אסאך מאל אן שווער זיך צו מתגבר זיין, זאל מען וויסן דערביי דאס חשיבות וואס דאס טראגט אין הימל, און דאס וועט בסייעתא דשמיא געבן די כוחות זיך צו שטארקן.

המשך אויף זייט 6

# ברוך שהחיינו לזמן הזה!

מיט גרויס פרייד, פול מיט רגשי הלב, טוען אידישע קינדער דאנקען דעם הייליגן באשעפער אויף די גרויסע זכיה אז מ'קען שוין צוביסלעך אריינצוטרעטן אין די טויערן פון די בתי כנסיות און בתי מדרשות, צו קענען דאווענען און לערנען ווי ס'דארף צו זיין, שופך שיח זיין און דאנקען דעם אויבערשטן על כל החסד אשר עשה עמנו. ווי דער הייליגער **רמב"ן** שרייבט (סוף פ' בא), "**וכוונת בתי הכנסיות וזכות תפלת הרבים, זהו שיהיה לבני אדם מקום יתקבצו ויודו לקל שבראם והמציאם, ויפרסמו זה, ויאמרו לפניו בריותיך אנחנו**".

אזוי אויך וועט כלל ישראל צוריק באנייען די פילע מצוות ומעשים טובים וואס ווערן געטון בין כותלי הביהמ"ד - שיעורי תורה, מעשי צדקה וחסד, מקוואות, חיזוק הדת, אא"וו. און אינאיינעם מיט דעם וועלן מיר אויך האבן די זכיה ווייטער צו מזכה זיין אידישע קינדער מיט די רייכע מאמרים אויף שמירת עינים וואס ווערן געליינט מיט דארשט דורך טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט.

~

**צו דער געלעגנהייט שפירן מיר פאר וויכטיג קלארצושטעלן, אז די מאמרים אויף שמירת עינים וואס ווערן צושפרייט אין די בתי מדרשים זענען ח"ו נישט אויפ'ן חשבון פון עבודת התפילה און תפלה בכוונה. זיי ווערן אויסדריקליך נישט ארויסגעלייגט כדי זיי צו ליינען בשעת התפלה וחזרת הש"ץ, נאר אין אנדערע זמנים, און זיי אהיימצונעמען פון ביהמ"ד.**

# העלפט פארשפרייטן שמירת עינים ביי אידישע קינדער!

## זכות הוצאות הגליון

**$1,200.00**

*עס קען אויך זיין איינגעטיילט חודש'ליך

## זכותי הפצת הגליון:

**זכות 5,000 גליונות** – $500

~

**זכות 4,000 גליונות** – $400

**זכות 3,000 גליונות** – $300

**זכות 2,000 גליונות** – $200

**זכות 1,000 גליונות** – $100

מיט דעם העלפט איר פארשפרייטן ביי כלל ישראל העכער **50,000 גליונות** אויף שמירת עינים!

צו מנדב זיין רופט
**"הוצאות טהור עינים"**

**802.327.3592**

## מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

### והאר עינינו בתורתך

לכבוד המערכת טהור עינים.

איך וויל אויסדריקן מיין דאנק אויף אייער הערליכן גליון וועלכער גיבט פאר אזויפיל אידן התחזקות און התעוררות אין שמירת עינים.

איך בין א יונגערמאן העכער די דרייסיג, איך לערן ב"ה פלייסיג, אבער ליידער מיט שמירת עינים פלעג איך נישט זיין אזוי אפגעהיטן. ביז דעם פארגאנגענעם יאר שבועות. ליינענדיג אין אייער פאראיעריגן גליון ווי שמירת עינים עפנט אויף דעם מענטש'נס אויגן ער זאל פארשטיין די תורה, און חלילה פארקערט, אויב מ'היט זיך נישט, גייט נישט די תורה אריין אין קאפ, בין איך שטארק נתעורר געווארן, און ב"ה זינט דעמאלטס האב איך אנגעהויבן שטארק אכטונג געבן אויף מיינע אויגן.

איך קען מעיד זיין אז ס'איז ממש אזוי ווי איר האט געשריבן. ביז עטליכע חדשים האב איך אנגעהויבן שפירן א מורא'דיגע ליכטיגקייט אין דער תורה און בכלל א זיסן טעם אין אידישקייט! (-)

### די גרעסטע גאונים ביי כלל ישראל מיטן נאמען "יוסף"

עס ליגט מיר נאך אין די ביינער דעם מורא'דיגן מאמר וואס איר האט מפרסם געווען יו"ט שבועות תשע"ט איבער די געוואלדיגע הצלחה אין תורה צו וואס מען איז זוכה דורך שמירת עינים, בתוך הדברים האט איר אויך געברענגט אז שמירת עינים איז א סגולה פאר זכרון.

איך האב לעצטנס געזען אינעם גליון "אברך" וואס איז ערשינען צום יארצייט פונעם גרויסן **שר התורה רבי יוסף ענגיל זצ"ל** (ב' דר"ח חשון), ווי ער ברענגט פונעם ספר **"דרך הנשר"** (מהרה"ג רבי דוב בעריש ריכטער מקראקא זצ"ל - קונטרס דבש בפי, דרוש ו' עמוד קלג), אז די מדת היסוד פון יוסף הצדיק, וואס דאס איז די מדה פון קדושה, איז מגביר דעם כח הזכרון פונעם מענטש, סיי אויף א סגולה'דיגן אופן און סיי בדרך הטבע.

און דעריבער, זאגט ער אן אינטערעסאנטע זאך, זעען מיר אז אסאך גדולי ישראל וואס האבן געטראגן דעם נאמען יוסף זענען באקאנט מיט זייער אויסטערלישן כח הזכרון אין בקיאות אין כל התורה כולה: אין גמרא (סנהדרין מב.) טרעפן מיר אז דער אמורא **רב יוסף** האט געזאגט אויף זיך דעם פסוק "ורב תבואות בכח שור", אנדייטנדיג אז ער, רב יוסף, וואס יוסף איז צוגעגליכן צו א שור, האט א שטארקן בקיאות אין אסאך ברייתות. און שפעטער, דער הייליגער **בית יוסף**, רבי יוסף קארו; דער **חיד"א**, רבי יוסף דוד חיים אזולאי; דער לעמבערגער רב **בעל שואל ומשיב**, רבי יוסף שאול נאטאנזאהן; **רבי יוסף ענגיל**; דער **ראגאטשאווער גאון**, רבי יוסף ראזין; אא"וו.

איך וויל צולייגן א שטארקן מקור צו דעם ענין, אז שמירת עינים ברענגט א גוטן זכרון, פון די ווערטער פונעם הייליגן זוהר. דער זוה"ק אין פרשת נח זאגט, אז בשעת דעם מבול האט די מדה פון יסוד נישט משפיע געווען, און דעריבער האבן שורה געווען דינים און ס'איז געקומען דער מבול. **אבער נאכ'ן מבול האט שוין די מדת היסוד יא משפיע געווען, און דערפאר שטייט "ויזכור" אלקים את נח.** זעען מיר אז די מדה פון יסוד, וואס דאס איז די מדת הקדושה, ברענגט מיט זיך זכרון. (-)

### ריינע אויגן און ריינע פיס

אין דער יעצטיגער תקופה, זיצנדיג אייגעשפארט אינדערהיים, ליין איך אייער גליון, פון וואס איך האב זייער הנאה.

**רביה"ק מסאטמאר זי"ע** האט אמאל שפאצירט אויף דער גאס מיט'ן הויז-בחור. אויף דער ערד איז געווען צואת כלבים, און דער רבי וועלכער איז א גאנצע צייט געגאנגען מיט די אויגן אראפ האט אכטונג געגעבן צו גיין ארום, אבער דער הויז-בחור וועלכער האט נישט אראפגעקוקט האט בטעות אריינגעטרעטן. האט זיך דער רבי אנגערופן: "אז מ'קוקט אראפ, האט מען ריינע אויגן און ריינע פיס; אז מ'היט זיך נישט די אויגן, האט מען נישט ריינע אויגן און נישט ריינע פיס."

עמרם כהן, קרית יואל

הוצאות
טהור עינים
Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950

פאר נדבות, הערות, רופט:
802.327.3592
*נשמח לשמוע הערות

צו מנדב זיין אין **לאנדאן** רופט:
447966658159

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
845.206.9879
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת

**מודעה**
**מיר זוכן גאר וויכטיג א פונדרעזער.**
פאר מער פרטים פארבינד אייך מיטן מערכת

**על הטוב יזכר**

**זכות 3,000 גליונות**
נתנדב לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ** זי"ע

**זכות 2,500 גליונות**
נתנדב ע"י מוה"ר **י.ב.** הי"ו - לברכה והצלחה בכל ענינים ונחת מכל יוצ"ח

**זכות 2,000 גליונות**
נתנדב לע"נ **הרה"ק רבי לוי יצחק בן שרה סאשא מבארדיטשוב** זי"ע

**ואלו שקנו**
**זכות 1,000 גליונות:**

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל ענינים**

הר"ר **שלמה ברוך טייטלבוים** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל ענינים**

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל ענינים**

~

**לזכות הילד משה בן מלכה**

~

**לע"נ חנני' יו"ט ע"ה ב"ר משה הי"ו**

## למען תספר:

המשך פון זייט 5

די מעשה איז שוין געענדיגט, אבער איך שפיר פאר וויכטיג אויסצושמועסן נאך איין נקודה:

אז איך קוק היינט צוריק צו מיין געשיכטע פון יארן צוריק, פארשטיי איך אז איך האב נישט געהאנדלט אינגאנצן ריכטיג. מיר ווייסן אוודאי וואס די ספרים הק' שרייבן אז א איד דארף זען אוועקצושטיין פון א פלאץ וואו ס'זענען דא נסיונות, אבער פאר יעדן מענטש מאכן זיך צייטן ווען ער איז געצוואונגען צו גיין דא און דארט, און ער באגעגנט זיך מיט נסיונות אין שמירת עינים.

אין אזעלכע זמנים איז וויכטיג אז מ'זאל גיין מיט א רואיגקייט און נישט טראכטן בכלל פון אלע ראיות אסורות ארום און ארום. מ'דארף וויסן ביי זיך אז מ'וועט טון דאס מערסטע וואס מעגליך זיך צו היטן, און דאס איבריגע וועט דער אויבערשטער העלפן. אז מ'גייט אזוי, אפילו אויב ווערט מען ח"ו נכשל בטעות מיט'ן זען עפעס, איז מען תיכף מסיח דעת דערפון, די מחשבה בלייבט נישט נעסטיגן אין קאפ, נאר כבולעו כך פולטו.

מה שאין כן אויב גייט מען מיט אן איבערגעטריבענעם פחד און אנגעצויגנקייט, שפילן די נערוון, און ווען מ'זעט דאס מינדעסטע זאך, קען מען זיך נישט אפשאקלען דערפון. אזוי אויך ווען מ'איז נערוועז, האט מען נישט דעם ריכטיגן יישוב הדעת וואס פעלט זיך אויס פאר דער מלחמת היצר. ווי מ'זאגט נאך פון צדיקים, אז דאס ווארט **"קרוג"** (קריג - מלחמה) איז ראשי תיבות **ק**אלט, **ר**ואיג, **ו**וייטער **ג**עגאנגען. אז מ'מאכט נישט קיין איבריגן מצב און מ'האלט זיך רואיג, קען מען ווייטער גיין אפילו מ'זעט עפעס בטעות, און אזוי קען מען דערקלערן זיג אינעם קריג קעגן דעם יצר הרע.

דאס מיינט אבער נישט אז אויב האט איינער נישט ריכטיג געהאנדלט און ער טרעפט זיך אין א נסיון אז ער וועט צוליב דעם נישט באקומען קיין שכר פאר'ן זיך שלאגן - פונקט ווי דער רבש"ע האט מיר באצאלט פאר מיין התגברות, כאטש איך בין אפשר אליין געווען דער גורם דערצו. דעם אויבערשטנ'ס גרעסטער תענוג איז ווען א איד קעמפט קעגן דעם יצר הרע, ער קריגט זיך מיט זיינע נסיונות, און לפום צערא אגרא.

דאס איז שייך ביי יעדער זאך וואס א מענטש קען טראכטן, אפשר בין איך מיך אליין שולדיג, מעגליך ווען איך טו נישט דאס אדער יענץ וואלט איך נישט געהאט דעם נסיון. דער פלאג וואס א א איד לייגט אריין צו בלייבן הייליג און אפגעהיטן איז דער גרעסטער נחת רוח וואס דער אויבערשטער פארמאגט, אפגעזען וואס איז געווען פארדעם. יעצט איז דער רצון ה' דו זאלסט דיך שטארקן, און אויף דעם וועט דיין שכר זיין אומגעהויער גרויס!

**מפי בעל המעשה**

## מי כעמך ישראל

# נישט אריינגעלאזט דעם חתן אין שפיטאל

אין בארא פארק איז לעצטנס אוועק **הרה"ג ר' משה אברהם שמעי' ב"ר יצחק שאול שאלאמאן ז"ל, דומ"ץ בכולל טארטיקאוו**, וועלכער איז די לעצטע צייט פון זיין לעבן געווען אין שפיטאל.

ביי זיין לויה האט מספיד געווען דער **גארליצער רבי שליט"א**. האט ער דערציילט, אז מיט א צייט צוריק איז פארגעקומען די חתונה פון הרה"ח ר' שמעי'ס זון, ביי וועלכער ער האט זיך ליידער נישט געקענט באטייליגן. דער חתן, ווילנדיג אז זיין טאטע זאל כאטש האבן דאס מינימאלסטע השתתפות אין דער שמחה פון זיין אייגענעם קינד, האט ער געטראכט צו קומען באזוכן זיין טאטן אויפ'ן וועג פארנדיג צו דער חתונה וואס איז פארגעקומען אין מאנסי.

אבער ווען ר' שמעי' האט געהערט פון זיין פלאן האט ער זיך קאטעגאריש קעגנגעשטעלט. "א חתן ביום חופתו האט נישט וואס צו זוכן אין שפיטאל; א שפיטאל איז פיל מיט ראיות אסורות," האט ער גע'טענה'ט פאר זיין זון.

ער האט אויפגעגעבן דעם באזוך פון זיין זון אין טאג פון זיין חתונה כדי ער זאל נישט דארפן זיין אויסגעשטעלט צו ראיות אסורות!